בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תזריע מצורע תשע"ח פרקי אבות פרק ב גליון 452 [שנה י']

**א פשט אין דער ב' במסורה נִרְאָה לִי**

וּבָא אֲשֶׁר־לוֹ הַבַּיִת וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לֵאמֹר כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת: (יד לה) און עס שטייט מֵרָחוֹק ה' נִרְאָה לִי: (ירמיה לא ג) צו פארשטיין די ב' במסורה פון נִרְאָה לִי, נאר חז"ל זאגן אין מדרש (ויק"ר יז ד) אֵין בַּעַל הָרַחֲמִים פּוֹגֵעַ בִּנְפָשׁוֹת תְּחִילָּה, דער אויבערשטער וואס איז א בעל רחמים, שטראפט נישט גלייך דעם מענטש, נאר פריערט ברענגט ער א נגע אויף זיין הויז און נאכדעם נאנטער צום מענטש, זיינע בגדים, און אויב ער האט נאך נישט תשובה געטאן באקומט ער א נגע אויף זיין גוף ע"כ המדרש. שרייבט דער שבט סופר אין זיין ספר שערי שמחה פר' תזריע ד"ה אָדָם כִּי, לויטן מדרש קען מען פארשטיין א באקאנטע שווערע גמ' (ברכות ה ע"א) אם רוֹאֶה אָדָם שֶׁיִּסּוּרִין בָּאִים עָלָיו יְפַשְׁפֵּשׁ במעשיו, אויב א מענטש זעט אז יסורין קומען אויף אים זאל ער טראכטן וואס ער האט געזינדיגט און תשובה טאן, איז שווער וואלט געדארפט שטיין אם "מַרְגִּישׁ" אדם, אז ער פילט אז יסורין זענען אין אים, פארוואס שטייט אם "רוֹאֶה", ער זעהט? נאר די כוונה איז אזוי ווי דער מדרש שרייבט, אז די יסורין זענען נאך נישט געקומען אויף אים, נאר ער זעהט יסורין וואס יעצט איז דאס אויף זיין הויז אדער אויף זיינע בגדים, דאס מיינט ער זעהט די יסורין פון דערוויטנ'ס דאס מיינט אם "רוֹאֶה", זאל ער מפשפש זיין במעשים און תשובה טאן וועלן די נגעים נישט קומען אויף זיין גוף עכ"ד, ממילא איז גוט די ב' במסורה כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת, די נגע איז נאר ביי אים אין שטוב, כדי ער זאל תשובה טאן, ווייל מֵרָחוֹק ה' נִרְאָה לִי דער אויבערשטער איז דער בעל הרחמים אז דורך תשובה וועלן די נגעים נישט קומען אויף זיין גוף, ווייל חנון המרבה לסלוח. (חשב סופר פרעשבורג)

**פארוואס שטייט כְּנֶגַע און נישט נֶגַע**

כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת: (י"ד ל"ה) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט כְּנֶגַע, אזוי ווי א נגע און נישט "נֶגַע" נִרְאָה לִי? אויך איז שווער פארוואס שטייט "לִי" עס האט געקענט שטיין כְּנֶגַע נִרְאָה בַּבָּיִת? נאר עס שטייט אין מדרש (ויק"ר יז ד) אז פריערט גיט דער אויבערשטער א נגע אויף דעם הויז און נאכדעם אויף זיינע כלים און אויב ער טוט נישט תשובה באקומט ער א נגע אויף זיין גוף. קומט אויס אז דער ענין פון די נגעי בתים איז נאר כדי ער זאל תשובה טאן. און דער מענטש זאל זיך מתקן זיין, דאס קען זיין כְּנֶגַע, אזוי ווי דער נגע וואס וואלט געדארפט זיין אויף אים, נִרְאָה "לִי", דער אויבערשטער ווייסט דאס מיר און האט מיר געגעבן א נגע, און פאר מיין טובה האט ער דאס געלייגט בַּבָּיִת, מען קען אויך צולייגן פארוואס שטייט כְּנֶגַע און נישט נֶגַע, ווייל עס שטייט

אַל תִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן, נישט ארויס זאגן א שלעכטע ווארט אויף זיך חלילה, דעריבער זאל מען נאר זאגן כְּנֶגַע, עס איז אזוי ווי א נֶגַע און נישט א נֶגַע. (דברי שאול הגאון ר' יוסף שאול נתנזון בעל שואל ומשיב)

**ר' ישעי' מקערעסטיר זאגט ביי והתגלח - והוס גלח**

וְהִתְגַּלָּח וְאֶת הַנֶּתֶק לֹא יְגַלֵּחַ: (יג לג) א איד האט געהאט א געשעפט פון עסן אסאך יארן און האט זייער מצליח געווען. איין טאג איז געווארן א יונגער גוי דער גלח און האט מקנא געווען דעם איד. האט ער געזאגט פאר א גוי צו גיין עפענען די זעלבע געשעפט ווי דעם איד, און דערנאך האט דער גלח באפוילן אז אלע גויים מוזן נאר קויפן ביים גוי. ווען דער איד האט זיך דערוואוסט פון דעם בייזן פלאן פון גלח איז ער געפארן צו ר' ישעי'לע קיין קערעסטיר און האט אויסגעגאסן זיין הארץ פארן רבין. יענע וואך איז געווען פרשת מצורע האט דער רבי געזאגט פארן איד ער זאל בלייבן אין קערעסטיר אויף שבת און וועט האבן זיין ישועה! דער איד האט מסכים געווען און איז געבליבן אויף שבת און צו זיין וואונדער האט דער רבי געהייסן מען זאל געבן א עליה פארן איד ביי די פרשה פון אפשערן די מצורע, און ביי די פסוק "וְהִתְגַּלָּח" האט זיך ר' ישעי'לע אנגעהויבן צו קלאפן מיט די פיס אויפן ערד און זיך אנגערופן "והוס גלח"! קיינער האט נישט פארשטאנען וואס האט דער רבי דא געטאן! מוצאי שבת האט דער רבי געזאגט צום חסיד פאר אהיים ווייל דו ביזט שוין געהאלפן. ווען דער חסיד איז אהיים געקומען האט ער געהערט אז פונקט אין די צייט וואס ר' ישעי'לע האט געשריגן "והוס גלח" האט דער גלח אנגעהויבן צו הוסן ביז ער איז געשטארבן. און זיין פלאן צו אונטערברענגען דעם איד איז בטל געווארן. זיין יארצייט איז ג' אייר זיע"א

**דער כהן טאר נישט קוקן ווער עס האט די נגע**

וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע שִׁבְעַת יָמִים: (י"ג ד') פרעגן די מפרשים עס וואלט געדארפט שטיין וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת הַנָּגוּעַ: וואס דאס מיינט דער מענטש וואס האט באקומען דעם נֶגַע, ווייל מען פארשפארט נישט דעם נֶגַע, אויב אזוי פארוואס שטייט הַנֶּגַע? נאר די תורה רעדט צום כהן וואס דארף פארשפארן דעם מצורע, אז דער כהן טאר נישט קוקן ווער עס האט א נגע. ווייל אויב דער וואס האט א נגע און ער איז זיין פריינד וועט ער טראכטן וועגן אים צו מטהר זיין! און אויב ער איז זיין שונא וועט ער טראכטן וועגן אים צו מטמא זיין! דעריבער שטייט וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע. דער כהן דארף קוקן נאר אויף די נֶגַע און נישט אויף דעם נָגוּעַ, דער מענטש וואס האט דער נגע. (המו"ל עפ"י ספרים)

**מדור העובדות**

**דער הייליגער ר' צבי הירש פרידלנדער דער ליסקא רבי זי"ע פראוועט א גאר אינטערעסאנטער שידוך**

רבי צבי הירש פרידלנדער זצוק"ל דער ליסקא רבי איז אוועק עקה"ש כ"ז אייר תש"ד, ער איז אלט געווען 70 יאר הי"ד, ער איז געווען א זון פון הייליגן ר' חיים פרידלנדער בעל טל חיים וברכה וואס איז געווען א אײדעם פון הרה"ק ר' הירש'לע מליסקא בעל אך פרי תבואה און הישר והטוב. ער האט געהאט א זון הרה"ק ר' שלמה וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה און איז געווארן דער ממשיך השושלת. דער ליסקא געגענט האלט מען דעם יארצייט כ"ז אייר הי"ד. ער איז געווען א בעל מופת און אסאך פון זיי זענען דערציילט אין ספר הזכרונות לבית ליסקא.

איינמאל איז געקומען צו ר' צבי הירש א מיידל וואס האט זיך פארקלאגט אז זי קומט יעצט צופים פון שטאט טאקאי וואס איז בערך 30 ק"מ פון ליסקא ווייל זי האט נישט געהאט קיין געלט אויף צו פארן ווייל זי האט פארלוירן איר טאטע, און איר מאמע איז נאר שוואך, און זי האט א ברודער א קראנקער, און זייער פערד איז געשטארבן, און עס איז כמעט נישטא קיין ברויט אין שטוב, און זי דארף אויך א שידוך און אויף נדן איז נישטא פון

וואס צו טראכטן! און זי וויינט אז זי איז זייער מיד און שוואך פון אזויפיל גיין. בעט זי אז דער רבי זאל אויף זיי רחמנות האבן און מתפלל זיין פאר זיי. זי האט געזאגט אז זי פארט נישט אוועק פון רבין אן א ישועה ווייל זי קען נישט אהיימגיין און צוקוקן דעם צער פון איר מאמע און ברודער, און אויך אז דער רבי איז געווען דער מסדר קידושין דעריבער האט איר די מאמע געשיקט נאך א ישועה.

דער רבי בארואיגט איר און זאגט איר צו אז זי וועט אינגיכן טרעפן א גוטן שידוך און די גאנצע משפחה וועט געהאלפן ווערן. דער רבי האט איר געגעבן געלט און געזאגט אז זי זאל מיט די געלט אהיימפארן מיטן באן, אבער דאס מיידל האט געזאגט עס איז א שאד נוצן די געלט אויף צו פארן, זי קען דאס בעסער נוצן אינדערהיים וואו עס איז נישטא ברויט און זי וועט גיין צופיס וואס קאסט נישט קיין געלט און אויך אז די באן פארט פריערט אין סערענטש, איז דאס א גאר לאנגע וועג און איר מאמע וועט זיך שוין זארגן פאר איר.

אבער דער רבי זאגט איר אויב זי האט נישט אמונה אין וואס דער רבי זאגט וועסטו נישט קענען האבן א ישועה, דער רבי פירט אוים: פאר מיטן באן און איך זאג צו אז דער אויבערשטער וועט דיר שיקן וואונדער'ס. די מיידל האט פארשטאנען און געענטפערט אז אוודאי גלויבט זי אין רבין און זאגט אז זי פארט אהיים מיטן באן.

זי איז געפארן אויפן באן און זיך אפגעשטעלט אין סערענטש און דארט האט זי געדארפט ווארטן א שעה אויף א אנדערע באן קיין טאקאי. זי איז אריין אין וואגזאל און זיך אוועק געזעצט און געוויינט און פון גרוים מידיקייט איז זי איינגעזונקן אין א טיפן שלאף און ווען זי האט זיך אויפגעוועקט האט מען איר געזאגט אז דער באן איז שוין געפארן, און דער קומענדיגן באן איז ערשט אינדערפרי זי האט זיך גענומען וויינען און געווען זייער דערשראקן זיין אליין אין וואגזאל, ווען זי זעט א אידישער בעל עגלה קומט אן און ברענגט א מכובד'יגע איד אויסגעקוקט ווי א עושר. און ווען ער זעט א אידישע מיידל וויינען פרעגט ער איר פארוואס זי וויינט האט זי דערציילט אז זי האט פארשפעטיגט דעם באן וואס פארט קיין טאקאי! רופט זיך אן דער איד אז ער האט אויך געוואלט פארן מיט יענעם באן קיין טאקאי. און בארוהיגט איר אז דאס וואס מיר האבן פארשפעטיגט דעם באן איז מן השמים און עס מוז זיין א טובה פאר אונז! און מען דארף זוכן א וועג ווי צו פארן קיין טאקאי.

ער פרעגט איר פארוואס זי איז אזוי פארביטערט? האט זי געענטפערט אז זי האט א מאמע וואס איז קראנק און עס נישטא א טאטע ווער זאל ברענגען פרנסה און פון איר מצב אז זי דארף א שידוך און זי האט נישט קיין נדן, האט ער געזאגט אז ער האט א גרויסע פאבריק וואס פארמאגט א קוילן גרוב און ער האט ליידער נישט קיין קינדער און ער האט שוין לאנג געוואלט חתונה מאכן א יתומה, און יעצט זעט ער ווי דער אויבערשטער האט אזוי געפירט און האט איר געזאגט זי זאל זוכן א חתן און ער וועט צושטעלן א נדן און די גאנצע חתונה, און גענומען עפעס געלט און איר געגעבן איינקויפן עסן כדי די משפחה זאל האבן עפעס זיך דערכאפן.


הרב ר' צבי הירש פרידלנדר – האדמו"ר מליסקא

דערוויל האט דער יונגע בעל עגלה זיך אלעם איינגעהערט וואס דער נגיד רעדט מיטן מיידל און זאגט פארן נגיד אז ער איז אויך יונג, נאך פאר די דרייסיג יאר און ער וואלט איר מסכים געווען צו נעמען פאר א ווייב. דער נגיד רופט זיך אן צום מיידל אז דאס איז א שיינעם איינפאל!! און ער זאגט איר אז ער קען דעם בעל עגלה אלץ א ערליכער מאן און אפשר מן השמים האט זיך געמאכט די גאנצע פארשפעטונג פון באן פאר אונזביידע, נאר וועגן דער שידוך!

די מיידל נעמט זיך טראכטן אז דער נגיד האט דאך אזא גוטע הארץ וואס וויל איר געבן די גאנצע נדן און הוצאות החתונה, און עס לויפט דורך איר קאפ וואס דער רבי האט איר געזאגט זי זאל דוקא פארן מיטן באן און זי וועט זען וואונדערס! האט זי געזאגט זי איז מסכים צום שידוך.

דער נגיד פריידט זיך שטארק און גיט פארן חתן דער בעל עגלה אן אַנדרוֹף אויפן נדן. דער חתן האט זיך געפריידט און געזאגט אז זיי זאלן ווארטן דא און ער קומט באלד צוריק, ער האט אנגעטראפן זיינעם א חבר און געטוישט זיין וואגן אויף א שענערן קויטש מיט צוויי פערד און באצאלט פארן דינגען און איז צוריק געקומען צו די וואגזאל מיטן וואגן און געזאגט אז ער וועט זיי נעמען יעצט קיין טאקאי. די מיידל האט זיך געפריידט אז זי וועט יעצט אנקומען זייער שנעל צו די מאמע און ברענגען געלט פאר איר און אויך די גוטע בשורה! אזוי זענען זיי געפארן און מען איז אנגעקומען קיין טאקאי און דער נגיד האט געזען דעם מצב אין שטוב און האט צוגעזאגט ער וועט זיי ארויסהעלפן און ער האט דערציילט פאר די מאמע וועגן שידוך און אז ער גיט דעם נדן און חתונה און ער האט אויך געברענגט דעם חתן.

די מאמע האט מסכים געווען אויפן שידוך און געדאנקט דעם נגיד. דער נגיד איז געגאנגען צו זיינע געשעפטן און דער בעל עגלה האט שפעטער אהיימגענומען דעם נגיד. מען האט אנגעגרייט א זמן פאר די חתונה און דער נגיד איז געווען דער הויפט מחותן און אנגעגרייט אלע הוצאות פון די חתונה און די נדן האט ער מסדר געווען על צד היותר טוב. דער ליסקא רבי האט זיך אויך זייער געפריידט נאכדעם וואס ער האט זיך געטראפן מיטן חתן און צוגעזאגט ער וועט זיין מסדר קידושין און דער נגיד אונטער פירער. און די חתונה איז געפראוועט געווארן כיד המלך און דער הייליגער ליסקא רבי האט שטארק אנגעוואונטן די חתן כלה און איר מאמע און אויך דעם נגיד פאר די גרויסע מצוה פון הכנסת כלה פון א יתומה. דער צדיק האט פארפראוועט א אינטרעסאנטער וועג צו א שידוך זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

**א ספר עץ חיים האנט געשריבן און געמאלען שיין שנת תצ"ו האט באלאנגט צו הגה"ק ר' יהונתן אייבישיץ מיט 150 הגהות ותיקונים פון איס כת"י און א קמיע $400,000, א קונטרס חידושים אויף מס' שבת מיטן נאמען מוסיף השבת געשריבן פון הייליגן חת"ם סופר יונגערהייט 10 זייטן $200,000**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגוואר רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500,

**הגליון לזכותו של כ"ק אדמו"ר הרה"צ ר' יעקב חיים פערלאוו זצוק"ל ומנו"כ בעיר דיטרויט ההילולא יום שבת קודש ו' אייר תש"ז**

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***